# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:19
מוצאי שב"ק.................5:51

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................יחזקאל כ"ד-כ"ה
בבלי.........................נדרים ס"ז
ירושלמי.................ברכות מ"ח
תוספתא.........................גיטין ג'
רמב"ם.............מלוה ולוה כ"ג

פרשת ויגש, ז' טבת, שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 14 (584)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אֹתִי הֵנָּה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כא, ו) אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס וָוארְט וְעַתָּה מֵיינְט תְּשׁוּבָה. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער וָוארְט וְעַתָּה מִיט תְּשׁוּבָה?

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוֹיף אַסאךְ פְּלֶעצֶער, אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז, אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיב גֶעדֶענְקְט מֶען אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן זֶעט מֶען אַז אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, אִיז גָאר גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער גֶעפִירְט אַזוֹי צוּם גוּטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה, פַארְגֶעסְן, אַ גְרוֹיסֶער חִסָרוֹן, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן הָאט שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה. וַוייל וֶוען נִישְׁט וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהוֹיבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט אַלְץ גֶעהַאט בִּלְבּוּלִים פוּן זַאכְן וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ. אָבֶּער דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, קֶען עֶר זִיךְ אַלְץ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי.

דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שָׁם) אַז עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וִוי נָאר אַ זַאךְ גֵייט אַרִיבֶּער, גֵייט עֶס אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּן זַיין קָאפּ, עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אַמָאל.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס פְלֶעגְט בֶּעטְן פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים עוֹבְדֵי ה' זֵיי זָאלְן אִים קוּמֶען אוֹיפְוֶועקְן בַּיי חֲצוֹת הַלַיְלָה וֶוען זֵיי פְלֶעגְן גֵיין אָפְּרֶעכְטְן חֲצוֹת אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט בִּיז וָתִיקִין. מֶען פְלֶעגְט אִים אוֹיפְוֶועקְן יֶעדֶע נַאכְט, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן זֵיי זָאגְן: "אִיךְ בִּין אוֹיף, אִיךְ קוּם שׁוֹין", אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ צוּרִיק לֵייגְן שְׁלָאפְן בִּיזְ'ן טָאג אַרַיין, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נַאכְט נָאךְ נַאכְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל פְלֶעגְט עֶר זָאגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אִיךְ וֶועל 'פוּן יֶעצְט' זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק נָאר אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זֵייעֶר כִיטְרֶע, עֶר קוּמְט צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אַלֶע מִיטְלֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, קוּמְט עֶר מִיט אַ פְרִישֶׁע מִיטְל, מִיט אַ פְרִישֶׁע וֶועג מִיר צוּ צֶעבְּרֶעכְן"; אָבֶּער וִוי גְרוֹיס, קְלוּג אוּן כִיטְרֶע עֶר אִיז, אַלְץ גְרֶעסֶער זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים אוּן זֵייעֶרֶע עֵצוֹת, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנֵייעֶן, אַלְץ אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, קוּקְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע דֶעם שְׁלֶעכְטְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער מֶדְרָשׁ **אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה**; **וְעַתָּה** - אוּן יֶעצְט, אוֹיב אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ פַארְגֶעס אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דַאן אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. **וְעַתָּה**, אוּן יֶעצְט, וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן "פוּן יֶעצְט", דַאן, **אַל תֵּעָצְבוּ** - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג, **וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם** - אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט, נָאר פַארְקֶערְט, **כִּי לְמִחְיָ' שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם** - דוּ וֶועסְט זֶען אַז אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף, כְּדֵי עֶר זָאל נָאכְדֶעם קֶענֶען שְׁפֵּייזְן דִי אִידְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ג - עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תש"פ)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דִינְסְטָאג, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין יָאר תק"מ, צוּ זַיין טַאטֶע רֶבִּי נַפְתָּלִי הִירְץ זַ"ל אוּן זַיין מַאמֶע לַאנְיֶע ע"ה. עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, עֶר אִיז אָבֶּער אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן אַן עוֹשֶׁר, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן צוּ דוּרְכְלֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי מֶדְרָשׁ אוֹיף דִי פַּרְשָׁה.

בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר אִיז רֶבִּי נָתָן אַ חָתָן גֶעוָוארְן, אוּן הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ זַיין וַוייבּ אֶסְתֵּר שֵׁיינְדְל ע"ה, אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן דִי גְדוֹלֵי הַדוֹר אִין יֶענֶע תְּקוּפָה, הַגָאוֹן הַגָדוֹל רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זי"ע וָועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען רָב אוֹיף דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט שַׁארִיגְרַאד, מָאֶהלוּב אוּן קְרֶעמְנִיץ, אוּן אוֹיף נָאךְ פִילֶע קְלֵיינֶע שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער אַרוּם. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא גֵייט מִיט אִים מִיט שְׁטֶענְדִיג.

רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד אוּן אַ לַמְדָן עָצוּם, עֶר הָאט גֶעקֶענְט שַׁ"ס וּפּוֹסְקִים, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אוֹיסְנֶוֵיינִיג יֶעדֶע תּוֹסְפוֹת אִין שַׁ"ס אִין דִי רֵייעֶ. זַיין שְׁוֶוער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהָאפְט אַז רֶבִּי נָתָן וֶועט אִיבֶּערְנֶעמֶען זַיין רַבָּנוּת נָאךְ זַיינֶע הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג.

כָאטְשׁ וָואס זַיין שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, הָאט עֶר אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּנֶעם דֶערֶךְ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, עֶר פְלֶעגְט אָנְזָאגְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידִימֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מִתְחַבֵּר זַיין צוּ דִי חֲסִידִים. וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָבֶּער גֶעזֶעסְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט הָאבְּן דִי חַסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, אוֹיפְוַוייזְנְדִיג אַז

<<<<<<

## א גוט ווארט

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; אֲפִילוּ דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה יֶעדְן טָאג - זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ יְשִׁיבָה דָארְט וואוּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף שְׁמוּאֵל הַנָבִיא (נְדָרִים לח.): "כָּל מָקוֹם שֶׁהָלַךְ" אִיבֶּערָאל וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, "בֵּיתוֹ עִמּוֹ" הָאט עֶר גֶעהַאט זַיין שְׁטוּבּ מִיט זִיךְ; דָאס מֵיינְט מֶען, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַ חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת וְכַדוֹמֶה. וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען - הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי אִין שְׁטוּבּ. אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן; וואוּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ - זָאלְסְטוּ הָאבְּן מִיט דִיר אַ זֶעקְל סְפָרִים, אַ חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא אוּן תְּהִילִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט אִים אוֹיף אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין רֵיין". זַיי מַרְחִיב בְּדִיבּוּר; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי דִי פָּאר וֶוערְטֶער שְׁפַּאלְטְן הִימְלֶען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשפ"ג)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַרַייְנְגֶעפָּארְן אִין אַ צְוֵוייטֶע קַאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ,
כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ בִּיסְט אַרַייְנְגֶעפָּארְן מִיט דַיין קַאר אִין אַ צְוֵוייטֶע קַאר – אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה אוֹיפְצוּהֶערְן דְרֵייוְון; קֶענְסְט וַוייטֶער דְרֵייוְון אוּן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער דְרֵייוְון, אוּן אַז דוּ ווילְסְט זַיין זִיכֶער אַז דָאס וֶועט נִישְׁט נָאכְאַמָאל פַּאסִירְן – זָאלְסְטוּ טוּן צְוֵויי זַאכְן יֶעדֶע מָאל אֵיידֶער דוּ פָּארְסְט.

עֶרְשְׁטְנְס, יֶעדֶע מָאל אֵיידֶער דוּ פָּארְסְט מִיט דַיין קַאר – זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כט:) אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעזָאגְט פַאר רַב יְהוּדָה: "כְּשֶׁאַתָּה יוֹצֵא לַדֶּרֶךְ" וֶוען דוּ גֵייסְט אִין וֶועג, "הִמָּלֵךְ בְּקוֹנֶךָ" זָאלְסְטוּ קוֹדֶם נֶעמֶען רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט זָאגְן תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ, "וְצֵא" אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען זָאל זָאגְן תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ יֶעדֶע מָאל מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין קַאר, אֲפִילוּ מֶען פָּארְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט, אוּן אֲפִילוּ צְוָואנְצִיג מָאל אַ טָאג – זָאל מֶען יֶעדֶע מָאל זָאגְן תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ, נָאר נִישְׁט אוֹיסְפִירְן דִי בְּרָכָה מִיטְ'ן שֵׁם, מֶען זָאל זָאגְן דִי בְּרָכָה "בָּרוּךְ אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה" – אָן דִי שֵׁם; זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן.

צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְט גֶעבְּן צְדָקָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת דֶּרֶךְ, סִימָן ח): "כְּשֶׁתֵּלֵךְ בַּדֶּרֶךְ, תִּתֵּן קֹדֶם לִצְדָקָה", וֶוען דוּ גֵייסְט אִין וֶועג זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַאלְטְן אִין קַאר אַ פּוּשְׁקֶע, אוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע מָאל אֵיידֶער מֶען פָּארְט – לֵייגְט מֶען אַ פְּרוּטָה אִין פּוּשְׁקֶע אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל צוּרִיקְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם.

אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר, אִיךְ זֶע ווִי דוּ גֵייסְט אַיין, דוּ עֶסְט זִיךְ אוֹיף, דוּ פִּירְסְט חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דֶעם, מִיט יֶענֶעם; אַ שָׁאד זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן, אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַּייניגְן. עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ חַזֶּרְ'ן דִי אֱמוּנָה, חַזֶּר טָאג אוּן נַאכְט דִי וֶוערְטֶער: "אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אוּן "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס"; קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן, אַלֶעס אִיז פוּן הִימְל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִּין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה", אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלֶעמְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער, "אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה" – נָאר אַז מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דַיין טַאטֶע, דַיין מַאמֶע, דַיין מִשְׁפָּחָה, דַיינֶע צָרוֹת וְיִסוּרִים – אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

גְלֵייבּ מִיר, וָואלְסְטוּ גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעגַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן אִין פֶעלְד: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַחֵם עָלַי, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַאטֶעוֶוע מִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין פַארְכַאפְּט בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, אִיךְ הָאבּ מִיט יֶעדְן אַ חֶשְׁבּוֹן, יֶעדֶער אִיז מִיר שׁוּלְדִיג; וָואס אִיז מִיט מִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן? וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

וָואלְסְטוּ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת – וָואלְסְטוּ שׁוֹין פוּן לַאנְג גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער, אוּן אַלֶעס וָואלְט דִיר גְרִינְגֶער גֶעוֶוען. בְּרוּדֶער, הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי; אִיךְ טוּ דָאס אוּן אַלֶעס אִיז מִיר גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ"ג, בָּלָק תשפ"ב)

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד זֶענֶען גָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אוּן מִיטְ'ן גֵיין צוּ זֵיי וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת.

זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶל'ט אוֹיף אִים אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן צוּ דִי צַדִּיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר. עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזְשִׁבִּיזְשׁ זי"ע, צוּם רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי מָרְדְּכַי פוּן קְרֶעמְנִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי גְדַלְיָ' מְלִינִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי שָׁלוֹם מִפְּרָאבִּיטְשׁ זי"ע, אוּן צוּ הרה"ק רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מִחַמֶעלְנִיק זי"ע. דִי צַדִּיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים.

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק הרה"ק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע וָואס הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶערוּפְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט "מַיין נָתָנְ'לֶע". רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן בַּיי דִי צַדִּיקִים, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי חַסִידִישֶׁע ווירְטְשַׁאפְט, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דָאס פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיי סְעוּדוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז סְתָּם בִּיטוּל זְמַן, עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קֶען מֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר הָאט גֶעזֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי אַלֶע צַדִּיקִים, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעווָאוּסְט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק. עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיס גֶעהַאט קְלָאר וָואס אוּן ווִי אַזוֹי דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזֶעסְן צוּזַאמֶען מִיט אַ גְרוּפֶּע חֲסִידִים בַּיי אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ פַאר מְלַוֶּה מַלְכָּה, דִי גוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר אַרַייְנְגֶעטְרַאכְט אִין זַיין מַצָּב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט. "אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ?!" - הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט. עֶר הָאט אַרַייְנְגֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין זַיין תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם.

עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט פוּן דִי בֵּייגְלֶעךְ אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אִין וַוייבֶּער שׁוּל מִיט אַ תְּהִלִּים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ קַאפִּיטְל נָאךְ אַ קַאפִּיטְל מִיט גְרוֹיס בְּכִיוֹת, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט תְּהִלִּים בִּיז קַאפִּיטְל נ', אוּן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען אִיז עֶר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶר אִיז אַייְנְגֶעשְׁלָאפְן.

עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט ווִי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער פוּן דִי עֶרְד בִּיזְ'ן הִימְל, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְ'ן לֵייטֶער עֶר אִיז אָבֶּער אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְצוּגֵיין עֶר אִיז אָבֶּער נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, ווִי מֶער עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין הֶעכֶער אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אַ גְרֶעסֶערֶע פְּלַאץ אוּן זִיךְ נָאךְ מֶער צוּקְלַאפְּט, בִּיז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא טְרַאסְק אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין, אוּן דַאן אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, זָאגֶענְדִיג: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!". דָאס אִיז גֶעוֶוען סוֹף יָאר תקס"ב לפ"ק פַאר סְלִיחוֹת.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעווָאוינְט אִין נֶעמִירוֹב אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' לִיפָּא, עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּ אַסַאךְ צַדִּיקִים, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וָואס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן נֶעמִירוֹב, אִיז אַרַייְנְגֶעקוּמֶען ווָאוינֶען אַ צַדִּיק, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען חֵשֶׁק צוּ גֵיין צוּ אִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא. עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי'ן אוּן זַיין הַארְץ הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען. יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט עֶטְלִיכֶע מָאל: "אִיךְ זֶע אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אוּקְרַיינֶע נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב", אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי נְשָׁמָה. דֶער עוֹלָם הָאט נִישְׁט גֶעווָאוּסְט וֶועם דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס אִיז דַאן גֶעוֶוען "א' סְלִיחוֹת", אִיז ר' לִיפָּא צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעלֶיגְן אִין דִי בֵּיינֶער דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי סְלִיחוֹת מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן כַּוָּונָה מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סְלִיחוֹת, ווִי "עֲנֵנִי ה' עֲנֵנִי" "מִי שֶׁעָנָה לְאַבְרָהָם" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס מֶען כַאפְּט שׁוֹין גֶעוֶוענְלִיךְ אָפּ, הָאט עֶר עֶס אָבֶּער גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק שְׁטַייט אוּן רוּאִיג אוּן מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה. וֶוען דִי אִינְגֶעלַייט אִין שׁוּל הָאבְּן גֶעזֶען דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם ר' לִיפָּא, הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט נָאךְ סְלִיחוֹת וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דָא נִישְׁט וַוייט, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אַ פְרִישֶׁער צַדִּיק, אַן אֵייניקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת אוּן דָארְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אֶפְשַׁר וֶועט עֶר בַּיי דֶעם צַדִּיק טְרֶעפְן דָאס וָואס עֶר זוּכְט, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער צַדִּיק אִים אוֹיךְ מְעוֹרֵר זַיין אוּן אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג. נָאךְ יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר זִיךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט מִיט רֶבִּי נַפְתָּלִי אוּן רֶבִּי זַלְמָן אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ". דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַ שְׁטִיק צַייט.

זַייעֶנְדִיג דָארְט הָאט רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָּר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען בְּלַייבְּן דָארְט בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר אַהֵיים גֶעפָארְן מִיטְן חֶשְׁבּוֹן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

פְרַייטָאג פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ז אֱלוּל, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּזַאמֶען מִיט זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי, צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת אוּן שׁוֹין בְּלַייבְּן דָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיז דַאן אוֹיסְגֶעפַאלְן מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג.

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג". פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט. נָאךְ דִי סְעוּדָה וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ צֶעגַאנְגֶען, יֶעדֶער אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, הָאט אָבֶּער רֶבִּי נָתָן נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין שְׁלָאפְן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ פַייעֶר, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פַייעֶר, פַייעֶר מִיר אַרַיין דָאס פַייעֶר אִין הַארְצְן אַרַיין!" עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט. רֶבִּי נָתָן אִיז שוֹין גֶעבְלִיבְן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר אִיז מוֹרָא'דִיג נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן דָארְטְן.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן פְּרִיוַואט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְן עֶטְלִיכֶע הַנְהָגוֹת וָואס צוּ טוּן, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאךְ. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּ כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן אוּן צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס עֶס זָאל זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן מִיט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד". דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אִים דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעזָאגְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר אַז עֶר זָאל אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶת'עֶר גוּטֶער חָבֵר.

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיין אִין רֶבִּי נָתָנ'ס הַארְץ וִוי אַ פַייעֶר, דַאן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים, וָואסֶערֶע סָארְט מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר וֶועט נָאר הָאבְן; וֶועט עֶר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג. אוּן פוּן דַאן אִיז עֶר שׁוֹין גֶעבְלִיבְן מְקוֹרָב אוּן דָבוּק צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אֵייבִּיג. אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גְלַייךְ מְקַיֵים גֶעוֶוען, עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שׁוּל וָואס אִיז גֶעוֶוען דַאן לֵיידִיג, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְנְדִיג פַאר אִים אַלֶעס וָואס אִיז אִים גֶעלֶיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ.

כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ תַּלְמִידִים, גָאר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, אִיז אָבֶּער רֶבִּי נָתָן יֶעדְן אִיבֶּער גֶעשְׁטִיגְן. עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶעם רֶבִּי'נְס לִימוּדִים אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען פַאר דֶעמָאלְט, נָאר עֶס וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְן אוֹיף אֵייבִּיג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מַיין פַייעֶר וֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען". רֶבִּי נָתָן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְן אַלֶע סְפָרִים, אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיסֶער דִי סְפָרִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אַלֵיין גֶעמַאכְט וָואס זֶענֶען מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק, עֶס בְּלָאזְט אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אוּן אַ שְׁטַארְקֵייט אִין יֶעדְן וָואס לֶערְנְט עֶס. בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג אִיז זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מְחַיֶ' מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, מִיט דִי יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זי"ע, דֶער תַּלְמִיד מוּבְהָק וָואס הָאט אִיבֶּער גֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָן, פְלֶעגְט אָנְהוֹיבְן זַיין דְרָשָׁה בַּיי דִי סְעוּדַת הִילוּלָא פוּן רֶבִּי נָתָן מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַ גְרוֹיסֶע יְרוּשָׁה וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לָאמִיר זִיךְ צוּטֵיילְן צוּזַאמֶען מִיט דִי יְרוּשָׁה" אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן דִי הֵיילִיגֶע וַוארִימֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס זֶענֶען מְחַיֶ' יֶעדְן אֵיינֶעם.

לָאמִיר זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע יְרוּשָׁה, לָאמִיר לֶערְנֶען, הֶערְן אוּן מְקַיֵים זַיין דִי אַלֶע עֵצוֹת אוּן לִמוּדִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט לָנֶצַח נְצָחִים.

(סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַדִּיק)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# פַארְוָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ דַארְף וִויכְטִיג הִילְף, אוּן אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן. אוּן דָאס אִיז אִיבֶּער דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטְן חָבֵר.

שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ אִים, אוּן אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער אָנְצוּהוֹיבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ צוּ עֶפֶענֶען דִי הַארְץ אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר אִים.

וֶוען אִיךְ גֵיי דוּרְךְ אַ צָרָה חַס וְשָׁלוֹם, אַ פִּיזִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעם, אָדֶער גָאר אַ שְׁטַארְקֶע שְׁוֶועריקֵייט אִין לֶעבְן, דֶעמָאלְט אִיז מִיר אַבִּיסְל גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אָבֶּער סְתָּם אַזוֹי טָאג טֶעגְלִיךְ גֵייט עֶס מִיר פָּשׁוּט נִישְׁט, אִיךְ זִיץ אוּן אִיךְ וַוארְט, אִיךְ קוּק אוּן אִיךְ זוּךְ, אָבֶּער עֶס גֵייט מַמָּשׁ נִישְׁט. בָּרוּךְ ה' אַז דָא אוּן דָארְט קוּמְט אַרוֹיס עֶפֶּעס אַ וָוארְט, אָבֶּער נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע שְׁמוּעֶס. אִיךְ קֶען אֲפִילוּ קוּקְן מִיט דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶר קוּקְט צוּרִיק צוּ מִיר, אָבֶּער עֶס מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בֶּעטְן עֶפֶּעס אַ גֶעווִיסֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף, אָדֶער צוּ דַאנְקֶען אוֹיף אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען, אִיז מִיר עֶס גְרִינְגֶער, אִיךְ קֶען אֲפִילוּ גֶעבְן קָאמְפְּלִימֶענְטְס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל, אִים צוּ לוֹיבְּן אוּן זָאגְן וִוי גוּט עֶר אִיז צוּ מִיר, אָבֶּער דָאס אִיז אוֹיךְ נָאר זֵייעֶר בְּקִיצוּר, אָפְּגֶעזָאגְט אוּן גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער, עֶס אַנְטְוִויקְלְט זִיךְ נִישְׁט אַ שְׁמוּעֶס פוּן דֶעם. וֶוען עֶס אִיז דָא אַ נוֹשֵׂא וָואס אִיז מִיר וִויכְטִיג אוּן אִיךְ וָואלְט עֶס אֶמֶת'דִיג גֶעוָואלְט אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיבֶּערְגֵיין אַלֶע צְדָדִים פוּן דִי זַאךְ, פָּשׁוּט וִוי אִיךְ וָואלְט עֶס אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַ קְלוּגְן אִיד, דַאן גֵייט עֶס נִישְׁט, עֶס שְׁטְרֶענְגְט מִיךְ אַזוֹי אָן אַז אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ צֶעפְּלַאצְט פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אֱמוּנָה, אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נֶעבְּן מִיר, עֶר הֶערְט מִיךְ, עֶר זֶעט מִיךְ, אָבֶּער אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מִיךְ אַלֵיין פַארְוָואס וֶוען אִיךְ רֶעד אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער מִיט אַ חַבֵר, אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט סַיי וֶועמֶען אוּן זִיכֶער וֶוען אִיךְ רֶעד מִיט אַ רַב אָדֶער מַשְׁפִּיעַ, דַאן אִיז מִיר אַזוֹי גְרִינְג צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן, עֶס פָארְט מַמָּשׁ אַ מְחַיֶ', פַארְוָואס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מְקוֹר פוּן רַחֲמָנוּת אוּן גוּטְסְקֵייט, וֶוערְט אַלֶעס פַארְהַאקְט?

אִיךְ גְלֵייבּ אַז וֶוען אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין אֵיין טָאג צוּ קֶענֶען גֶעהֶערִיג רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין אֵיין זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל וָואס אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען בַּאקוּמֶען פוּן אִים.

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ טְרַאכְטְן פוּן וואוּ עֶס נֶעמְט זִיךְ דִי שְׁוֶועריקֵייט, וואוּ וֶוערְט עֶס פַארְפְּלָאנְטֶערְט. אוּן אוֹיפְ'ן עֶרְשְׁטְן בְּלִיק זֶעט מִיר אוֹיס אַז עֶס הָאט צוּטוּן מִיט דֶעם וָואס אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט שׁוֹין בֶּעסֶער פוּן מִיר אַלֵיין אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט מִיר, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, אוּן עֶר וֵוייסְט שׁוֹין אוֹיךְ וָואס אִיךְ גֵיי אִים יֶעצְט זָאגְן, אִיךְ בִּין אִים גָארְנִישְׁט דָא מְחַדֵשׁ. אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ וֶועל זִיךְ גֵיין אוֹיסְרֶעדְן צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וִוי נָאר אִיךְ זֶע אַז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען מַיין פְּרָאבְּלֶעם, וֶועל אִיךְ עֶס נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל, אִיךְ וֶועל זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי אַ חוֹזֶק אִיבֶּערְצוּזָאגְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אַ מִינוּט צוּרִיק פוּן מִיר, אוּן זָאג עֶס נָאךְ אִיבֶּער מִיטְ'ן זֶעלְבְן טָאן אוּן נִיגוּן; דִי זֶעלְבֶּע שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ וִוי אַ חוֹזֶק וֶוען אִיךְ שְׁמוּעֶס אוֹיס אַ זַאךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט דָאךְ שׁוֹין פָּארְאוֹיס פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס אוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ גֵיי יֶעצְט זָאגְן וָואס אִיךְ וִויל זָאגְן.

רֶעדְנְדִיג מִיט אַ נָאנְטֶער חָבֵר קֶען אִיךְ פַּאקְטִישׁ יָא רֶעדְן מֶער בַּאֲרִיכוּת, מֶער זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, אָבֶּער דָאס אִיז טַאקֶע דֶערְפַאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי גֶעפִיל אַז אִיךְ בִּין אִים עֶפֶּעס מְחַדֵשׁ, עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פְרִיעֶר, אוּן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אִים עֶס נִישְׁט זָאגְן וֶועט עֶר דָאס נִישְׁט וִויסְן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דִי שְׁמוּעֶס גֶעשְׁמַאק, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ טוּ עֶפֶּעס אוֹיף.

אִיךְ הָאף אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְן עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת. מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב): "צָרִיךְ לֵידַע" מֶען דַארְף וִויסְן, "אֵיךְ לִלְחֹם" וִוי אַזוֹי צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן, "עִם הַחֶרֶב" מִיט דִי שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, "שֶׁלֹּא יַטֶּה אוֹתָהּ לְיָמִין

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

אוֹ לְשְׂמֹאל" נִישְׁט צוּ בֵּייגְן דִי שְׁוֶועֶרְד נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס. וֶוען מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען, מֶען גֵייט נוּצְן דִי שְׁוֶועֶרְד פוּן תְּפִילָה - דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזוּק; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען, עֶר ווִיל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קוּמֶען צְוֵויי קְלִיפּוֹת אִים שְׁטֶערְן עֶר זָאל נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אַ רֶעכְטֶע קְלִיפָּה מִיט אַ לִינְקֶע קְלִיפָּה. דִי רֶעכְטֶע קְלִיפָּה זָאגְט: 'וָואס דַארְפְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז דָאךְ נָאר גוּט!' אוֹיךְ זָאגְט דִי קְלִיפָּה: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דָאךְ אַלֶעס, וָואס דַארְפְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים?' דָאס אִיז אֱמֶת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס צוּם גוּטְן אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר זָאלְן דַאוֶוענֶען אוּן אִים בֶּעטְן. וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין דִי מַחְשָׁבוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען - אִיז דָאס קְלִיפַּת יִשְׁמָעֵאל.

נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ לִינְקֶע קְלִיפָּה פוּן כְּפִירוֹת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת, וָואס לֵייקֶנְט אִין אַלֶעס; דִי קְלִיפָּה פַארְדְרֵיידְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'וָואס הָאסְטוּ צוּ דַאוֶוענֶען? עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא', חַס וְשָׁלוֹם.

דֶערִיבֶּער, וֶוער עֶס נֶעמְט דִי שְׁוֶועֶרְד פוּן תְּפִילָה דַארְף הַאלְטְן דִי שְׁוֶועֶרְד שְׁטַארְק, נִישְׁט זִיךְ לָאזְן בֵּייגְן נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס, "וְשֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה" נָאר צִילְן צוּם פּוּנְקְט, שְׁטֶעכְן מִיטְ'ן שְׁוֶועֶרְד אַ שְׁטֶעךְ נָאךְ אַ שְׁטֶעךְ, אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל. "וְלֹא יַחֲטִא" אֲפִילוּ עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, זָאל עֶר וַוייטֶער שְׁטֶעכְן מִיטְ'ן שְׁוֶועֶרְד פוּן תְּפִילָה, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אָן קַיין אוֹיפְהֶער, דָאס מֵיינְט זַיין 'קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה', מֶען צִילְט צוּם פּוּנְקְט, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף דָאס זַיין מִיט תַּחֲנוּנִים, מִיט גֶעבֶּעט. מֶען בֶּעט אַ מַתְּנַת חִנָּם, נִישְׁט אַז מֶען הַאלְט 'עֶס קוּמְט מִיר', נָאר בִּלְשׁוֹן תַּחֲנוּנִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אַ מַתְּנַת חִנָּם; עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ בַּעַל הָרַחֲמִים, בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת אוּן גֶעבּ מִיר אַ יְשׁוּעָה"**; אוֹיבּ מֶען אִיז אַן עַקְשָׁן, מֶען הַאלְט דִי שְׁוֶועֶרְד צוּם פּוּנְקְט, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף - בַּאקוּמְט מֶען דִי יְשׁוּעָה.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז, דוּ זָאלְסְט פוּן דֶעם אַלֵיינְס מַאכְן תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס דָאס אַלֵיינְס אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל דִיר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אָבֶּער עֶס קוּמֶען מִיר אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס שְׁטֶערְט מִיר דָאס רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ טְרַאכְט 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ רֶעדְן צוּ דִיר וֶוען דוּ וֵוייסְט שׁוֹין אַלֶעס אַלֵיינְס?'"** אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "זֶה בְּחִינַת מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה" דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ בַּיים דַאוֶוענֶען, "שֶׁהֵם עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עַיְנִין" דָאס זֶענֶען וָואלְקֶענֶעס וָואס פַארְשְׁטֶעלְן דִי אוֹיגְן, "כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב" אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, מד): "סַכֹּתָה בֶעָנָן לָךְ" וְכוּ' דוּ הָאסְט זִיךְ בַּאדֶעקְט מִיט אַ וָואלְקְן, 'מֵעֲבוֹר תְּפִלָּה', דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי ווִי וָואלְקֶענֶעס וָואס פַארְדֶעקְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי זוּן, אַזוֹי אוֹיךְ דִי קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן בַּאשֶׁעפֶער פַארְשְׁטֶעלְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן זֶען אֱלֹקוּת.

דִי צְוֵויי קְלִיפּוֹת, עֵשָׂו אוּן יִשְׁמָעֵאל; דִי קְלִיפָּה פוּן עֵשָׂיו אִיז כְּפִירָה, וָואס רֶעדְט אַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת חַס וְשָׁלוֹם, לֵית דִין וְלֵית דַיָּין, אוּן דִי אַנְדֶערֶע קְלִיפָּה פוּן יִשְׁמָעֵאל, וָואס רֶעדְט אַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אַז 'שָׁמַע ה' תְּפִלָּתִי', אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ מִתְפַּלֵל זַיין; דִי צְוֵויי קְלִיפּוֹת שְׁטֶערְט פוּן דַאוֶוענֶען, אוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט לוֹחֵם זַיין מִיטְ'ן שְׁוֶועֶרְד פוּן תְּפִילָה אוּן זֵיי אִינְגַאנְצְן מַכְנִיעַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט
הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשפ"ג)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# געהויבענע שבת חנוכה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

גאר א הערליכע שבת קודש האבן אנשי שלומינו מיטגעלעבט דעם שבת חנוכה, ווען מען האט אפגעראכטן דעם געהויבענעם שבת חנוכה אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין קרית ברסלב ליבערטי. דער ראש ישיבה שליט"א איז שוין אנגעקומען אין שטעטל אום מאנטאג נאכט, און די וועכנטליכער ליל שישי שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א אויך שוין געגעבן אין שטעטל, גאר א שיינע לענגערע דרשה וואס האט זיך פארצויגן צו א שעה און האלב, מיט גאר שיינע התחזקות און עצות פאר'ן לעבן, מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף די "קול ברסלב" טעלעפאן ליניע.

אויף שבת זענען געקומען צו פארן גאר א גרויסער ציבור, צו זיין אויף שבת חנוכה מיט אנשי שלומינו. ווי באקאנט ווען דער הייליגער רבי האט געלעבט איז מען זיך צוזאמגעקומען ביים רבי'ן דריי מאל א יאר, אויף ראש השנה, שבת חנוכה, און יום טוב שבועות. איידער דער הייליגער רבי איז נסתלק געווארן האט ער אונז אנגעזאגט אז מיר זאלן ווייטער קומען צו אים אויף ראש השנה, און דערפאר פארן טאקע אזויפיל צענדליגע טויזענטער אידן יעדעס יאר קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אבער אויף די אנדערע צוויי ציטן פירט מען זיך אז מען קומט זיך צוזאם מיט אנשי שלומינו צו דאווענען אינאיינעם מיט ברסלב'ע חסידים, און מיט דעם איז מען ביים הייליגן רבי'ן.

גאר א שווערע פראסט און גליטש האט געהערשט אויפ'ן גאס אין די טעג פון פרייטאג שבת און זונטאג, אבער אינעווייניג איז געווען גאר ווארעם און אנגענעם. דער ראש ישיבה האט גע'דאווענט אלע תפילות אין די האשקי שול, קבלת שבת האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען, עס האט אנגעווארעמט יעדנ'ס הארץ, אויך אינדערפרי איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צו שחרית, און גע'דאווענט א ווארימע הלל וואס האט יעדן אנגעווארעמט דאס הארץ. אין לויף פונעם שבת האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט איבערגע'חזר'ט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, אנגעצינדען א פרישע חיות און ברען צו דינען נאר דעם אייבערשטן, און ווי אזוי מען האבן אזא גוטע און געשמאקע לעבן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, אז מען הערט זיך צו צום הייליגן רבי'ן. דער גאר הערליכער שבת וועט זיכער בלייבן אין די ביינער פון אלע באטייליגטע אויף גאר א לאנגע צייט.

**השבת נועם הנשמות!**

***

# סעודת הודאה מיט חנוכת הבית מוצש"ק אין שטעטל

נאך דער הערליכן שבת וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אפגעראכטן אין שטעטל אינאיינעם מיט פילע געסט אנשי שלומינו, איז מוצאי שבת קודש אפגעהאלטן געווארן א הערליכע מלוה מלכה אין שטעטל. טראץ די גאר שטארקע קעלטן וואס האט געהערשט אין גאס, זענען מוצאי שבת קודש געקומען צו פארן פון אנדערע שטעט פילע צענדליגע געסט, וואס האבן נישט געקענט זיין שבת אין שטעטל, און האבן זיך געפרייט צו קוען מיטהאלטן דעם שיינעם סעודת מלוה מלכה, זיך צו קענען אנווארימען דאס הארץ מיט די ווארימע דיבורים פון הייליגן רבי'ן. מען האט זיך געוואשן צו א ברייטע סעודה, לכבוד מלוה מלכה און לכבוד חנוכה און מען האט געזינגען אינאיינעם די זמירות למוצאי שבת.

צום ערשט האט אויפגעטרעטן דער יושב ראש מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, וואס האט ארויסגעברענגט די פיר גרויסע זאכן וואס דער מסיבה טוט פארשטעלן, א סעודת ראש חודש, סעודת מלוה מלכה, סעודת חנוכה, און בעיקר א מסיבת חנוכת הבית פאר'ן צווייטן בנין התלמוד תורה דא אין שטעטל. און ער האט ווייטער שיין ארומגערעדט פון די השתלשלות פונעם שטעטל, דערנאך האט מען געהערט א שיינע באריכט פונעם באליבטן אדמיניסטראטאר פון די מוסדות מו"ה רפאל פורסט הי"ו, וואס האט איבערגעגעבן אביסל וואס טוט זיך אין די מוסדות, ווי שיין די מלמדים און מחנכים געבן זיך אפ מיט די טייערע קינדער, און גלייכצייטיג איבער דעם גרויסן בודזשעט פון די מוסדות, און ער האט געמאלדן איבער די עפענונג פון צוויי נייע פראגראמען, איינס "פולע שכר לימוד", ווי אלע וואס האבן די מעגליכקייט וועלן באצאלן די פולע קאסט פון זייערע קינדער. און די צווייטע "כאילו ילדו" צו קענען ספאנסערן א קינד וואס מאיזה סיבה שהוא ווערט זייער שכר לימוד נישט געדעקט.

דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן צענדליגע אינגלעך, בחורים, און אינגעלייט צו מאכן זייערע סיומים ברבים, יונגע קינדער האבן געמאכט סיומים אויף מסכתות הש"ס און משניות, און דערנאך בחורים וואס האבן מסיים געווען פארשידענע זאכן, מסכתות הש"ס, משניות, זוהר הקדוש, ליקוטי מוהר"ן, און נאך. און דערנאך אינגעלייט. דערנאך האט מען ארויפגערופן מו"ה אברהם אלי' פריעדריך הי"ו וואס האט מיט גרויס התרגשות געמאכט זיין ערשטער סיום הש"ס, נאכ'ן סיום האט ער גערעדט אפאר ווערטער און דערציילט אז ווען ער האט געזען מו"ה שבתי מזרחי הי"ו מאכן זיין סיום הש"ס האט דאס אים אינספירירט און אים געגעבן דעם שטופ אז "ש"ס איז אויך געמאכט פאר אים". דערנאך האט מען געהערט דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט ארויסגעברענגט אז מען איז זיך דא צוזאם געקומען צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקורב צום רבי'ן, ער האט שטארק ארומגערעדט וואס מיר באקומען פון הייליגן רבי'ן, און ווי מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז אונזערע קינדער זענען זוכה צו לערנען אין די מוסדות וואו מען איז זיי מחנך מיט די לימודים פון הייליגן רבי'ן. און ארויסגעברענגט אז די פילע צענדליגע סיומים וואס מען האט יעצט מיטגעהאלטן דארפן געבן די חיזוק אז די תורה איז געמאכט פאר יעדן איד. נאך ברכת המזון איז דער עולם זיך צעגאנגען מיט א שטארקע הנאה און התעוררות, זיך ווייטער צו שטארקן אין עבודת ה'.

**להודות ולהלל לשמך הגדול!**


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## היכל נגינה

**א הערליכע רייכע אוצר פון נגינה, ווארעמע און לעבעדיגע, קורצע און לאנגע, וואס ברענגען אריין אמונה און חיזוק מיט געשמאק**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 6**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **חיים אהרן קליטניק** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יואל משה מייזעלס** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >